בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת מסעי מאמר א'
תשפ"ב

יו"ל פר' מטו"מ תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין די גמרא (מכות יב.) 'אמר ריש לקיש שלש טעיות עתיד שרו של רומי [שהוא שרו של עשיו] לטעות, טועה שאינה קולטת אלא בצר והוא גולה לבצרה, טועה שאינה קולטת אלא שוגג והוא מזיד היה, טועה שאינה קולטת אלא אדם והוא מלאך הוא', און אזוי זאגט מען אין די זמירות פון 'ברוך ה' יום יום' - 'ראותו כי כן אדומי העוצר, יחשוב לו בבצרה תקלוט כבצר, ומלאך כאדם בתוכה ינצר, ומזיד כשוגג במקלט יעצר'.

**מ'דארף** אריין קלערען אין די ווערטער פון חז"ל און דאס צו פארשטיין, צו דען שרו של עשיו ווייסט נישט די הלכות און די כללים פון די וואס גייען אין גלות. מ'פארציילט דאך אויפ'ן הייליגען **בארדיטשובער זי"ע** אז בשעת ווען מען האט איהם מכבד געווען שמחת תורה צו זאגען אתה הראת, איז ער צוגעגאנגען צום עמוד, און ער האט גענומען די טלית אין האנט אריין דאס אנצוטוהן, און גלייך דערנאך האט ער דאס צוריק אנידער געלייגט, אזוי האט ער געטוהן אפאר מאהל, און ער איז געבליבען שטיין שווייגעדיגערהייט, פלוצלינג הערט מען וויא ער זאגט **'ביסטו למדן ביסטו חסיד, זאג דו אתה הראת'**. און ער האט געגעבען צו פארשטיין, אז ווען ער איז צוגעגאנגען צו זאגען אתה הראת, האט ער געשפירט ווי דער יצר הרע קומט מיט איהם און ער וויל זיך משתתף מיט איהם, און דער בארדיטשובער זי"ע האט זיך געטנה'ט מיט איהם און געזאגט: איך האב דאך געדינט דעם אייבערשטען, איך האב געלערנט און געדאווענט און איך בין געפארען צום גרויסען מגיד זי"ע, אבער דו יצר הרע וואס האסטו מיט'ן אתה הראת?! האט איהם דער יצר הרע געענטפערט, אז אויך ער איז געווען צוזאמענט מיט איהם בשעת'ן לערנען און בשעת'ן עבודת ה' און חסידות, און ער איז אויך געפארען צוזאמענט מיט איהם צום גרויסען מגיד זי"ע, און דערפאר קומט איהם צו זיין צוזאמענט מיט איהם אויך בשעת'ן זאגען אתה הראת, און אויף

דעם האט דער בארדיטשובער זי"ע געזאגט: נו אויב אזוי, זאג דו אליינט אתה הראת. איז געדרינגען דערפון אז אויך דער יצר הרע לערנט גמרא, און אויב אזוי וויא אזוי איז מעגליך אז ער זאל א טעות האבען אין די דריי טעויות וואס שטייט אין די גמרא.

**נאך** דארף מען צו פארשטיין, וואס איז אונז א נפקא מיניה מיט די דריי טעויות וואס דער שרו של עשיו וועט מאכען, אלץ וואס שטייט דאך אין די גמרא איז דאך געזאגט געווארען צוליב עפעס א תכלית און א תועלת.

**נאר** ס'שטייט אין פסוק (עובדיה א, כא) 'ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו', על פי פשוטו מיינט דאסווארט 'לשפוט', אז לעתיד לבוא וועט זיין א סדר - משפט ונקמה אין די רשעים [אזוי וויא רש"י שרייבט דארט 'ליפרע מהר עשו אשר עשו לישראל']. אבער דאס ווארט 'משפט' האט דריי פירושים, און אזוי וויא רש"י שרייבט אויפ'ן פסוק (תצוה כח, טו) 'חושן משפט' - 'שהמשפט משמש ג' לשונות, דברי טענות בעלי הדין [ובירור הדברים], וגמר הדין, ועונש הדין'. און דאס ווארט 'חושן משפט' איז מלשון 'בירור דברים' - 'שמפרש ומברר דבריו', ווייל חושן המשפט פסקנ'ט נישט קיין הלכות - גמר דין, און זי שטראפט נישט, נאר די 'אורים ותומים' זענען מברר דעם אמת, פאר'ן 'גמר' און 'עונש הדין'. אזוי אויך קען מען טייטשען דעם באדייטן אין וואס ס'שטייט 'לשפוט את הר עשו', אז דער 'משפט' און דער 'נקמה' אין עמלק און אין די רשעים, וועט זיין בשעת ווען ס'וועט קלאר ווערען מיט א קלארקייט אז אלע איינרעדענישען פונעם יצר הרע זענען שקר וכזב, ווייל די גאנצער כח פונעם יצר איז מיט דעם וואס ער מאכט דער מענטש א טעות האבען, און ער פארבלענדט זיינע אויגען דא אויף די וועלט, און לעתיד וועט דער אייבערשטער שחט'ן דעם יצה"ר - און ס'וועט איבער בלייבען פון איהם א מלאך קודש אזוי וויא ס'שטייט פונעם **בעש"ט זי"ע**, ווייל די חלק הרע שבו וועט אינגאנצען בטל ווערען, און ס'וועט קלאר ווערען פאר יעדעם איינעם אז ער האט נישט געהאט קיין שום ממשות.

**און** דאס איז די באדייט וואס ס'שטייט

'שלש טעיות עתיד שרו של רומי לטעות' - די דריי טעויות'ן זענען זיינע געווער וואס מיט דעם קעמפט ער און האלט מיט אונז מלחמה און פארגרייזט אונז, און פאר דעם תועלת האט מען דאס אונז געזאגט, מיר זאלען זיך נישט טועה זיין מיט זיינע איינרעדענישען, און מיר זאלען וויסען אז אלץ וואס ער זאגט איז אין בהם ממש. און לעתיד ווען ס'וועט מקויים ווערען 'לשפוט את הר עשו' - וועט אנטפלעקט ווערען פאר יעדעם איינעם דער טעות אין אלע זיינע טענות.

**דער** ערשטען טעות וואס ער וויל אונז פארגרייזען איז **'יחשוב לו בבצרה תקלוט כבצר'**. דער **שפת אמת** (תרל"ב) שטעלט זיך פארוואס ווערען די מ"ב מסעות אנגערופען מיט'ן נאמען **מסעות** - 'אלה מסעי', די וועג איז דאך געווען איין לאנגע רייזע פון מצרים קיין ארץ ישראל, און די מ"ב מקומות זענען נישט געווען נאר מ"ב ערטער ווי די יודען האבען זיך אפגערוהט אינמיטען זייערע רייזע - אבער דאס זענען נישט געווען קיין 'מסעות'. און ער ערקלערט אז עס ווערט אנגערופען 'מסעות', וויבאלד **'שיש מקומות שאין להם קיום רק על ידי שמתרחק האדם מהם, ככל עניני עולם הזה שבטולם זה קיומם'**, די וועלט איז באשאפען געווארען געוויס כדי דער מענטש זאל אוועק פארען און זיך דערווייטערען דערפון, און דעריבער ווערט דאס אנגערופען מסעות - **'שהמסע משם הוא המעלה אותם'**. די ווערטער פונעם שפת אמת דערמאנען די ווערטער וואס הרה"ק **רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע** האט געזאגט: **'וועלט וועלט, וויא ביטער וויא שווארץ און וויא פארטינקעלט ביסטו, צו די וואס ליגען אין דיר, און וויא לעכטיג און וויא זיס ביסטו, צו די וואס דערהייבען זעך פון דיר, וואס דערווייטערען זיך פון דיר'**, ד. ה. אז דער אמת'ע עגזעסטענץ פונעם וועלט איז וואס דער מענטש שיידט זיך אפ און דערווייטערט זיך פון איהם, און ער דערהייבט זיך א טפח מעל הקרקע.

**ענדיגט** דארט'ן דער שפת אמת צו און שרייבט **'וז"ש שלא לעשות הטפל עיקר, כנ"ל שכשהוא טפל יש לו מקום כנ"ל'**. און זיין כוונה איז צו וואס רש"י שרייבט (מטות לב, טז) 'שמשום שהיו

חסים על ממונם יותר מבניהם ובנותיהם, והקדימו מקניהם לטפם, אמר להם משה לא כן, עשו העיקר עיקר והטפל טפל - בנו לכם תחלה ערים לטפכם ואחר כך גדרות לצאנכם (שם, כד)'. און לכאורה וואלט געדארפען שטיין 'הקדימו' עיקר לטפל, ווייל אוודאי האבען זיי געוואוסט אז די 'נפשות' קומען פריערט פאר זייער געלט - 'וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו' (איוב ב, ד), נאר זיי האבען זיך פארגרייזט מיט'ן לשון זייערע, מיט דעם וואס זיי האבען מקדים געווען מקניהם לטפם, אויב אזוי דארף מען פארשטיין וואס מיינט רש"י ווען ער שרייבט 'עשו' העיקר עיקר והטפל טפל. נאר משה רבינו ע"ה האט נישט געמיינט דערמיט בלויז אויף יענער צייט - ווען זיי וועלען קומען בויען אין עבר הירדן ערים לטפם וגדרות לצאנם, נאר אז מ'דארף טוישען די גאנצע בליק וויא אזוי מען דארף אנקוקען די וועלט, און מ'דארף פארשטיין אז דער גאנצע עולם הזה איז שקר וכזב, און ס'איז געווידמעט געווארען פאר'ן מענטש אז ער זאל זיך אפשיידען און אוועק גיין דערפון, און דער גאנצע קיום פונעם עולם הזה איז

נישט מער נאר ווייל ס'איז א טפל. און דעריבער ווערט דער 'עולם העליון' אנגערופען מיט'ן נאמען עולם 'הבא', ד. ה. אז דער מענטש פארדינט זיך אויף יענער וועלט, לויט זיינע מעשים וואס ער האט געטוהן און זיך צוגערייט אויף די וועלט איידער ער קומט דארטען אן (עי' שפת אמת חוקת תרל"ג), דאס מיינט אז מיט דעם וואס דער מענטש דערווייטערט זיך פון די עניני עולם הזה, איז ער זוכה צו עולם הבא. און דאס איז וואס רש"י האט באטאנט ווען ער האט געשריבען 'עשו' העיקר עיקר והטפל טפל, ווייל נאר ווען דער עולם הזה איז פאר איהם א טפל, נאר דעמאלט האט ער א מקום און א זכות קיום.

**און** דאס איז וואס שטייט אין פסוק (לג, ג) 'ויסעו מרעמסס בחודש הראשון' וגו', און שפעטער חזר'ט איבער דער פסוק נאכאמאהל (לג, ה) 'ויסעו בני ישראל מרעמסס ויחנו בסוכות', און די מפרשים מערקען אן אז ס'וואלט געווען גענוג ווען ס'שטייט נאר 'ויחנו בסוכות' (עי' אוה"ח הק', ועי' בעה"ט וכלי יקר). און לויט וואס מען האט אויבען דערמאנט

קען מען טייטשען, לויט וואס חז"ל זאגען (סוטה יא.) 'רעמסס - שראשון ראשון מתרוסס', ווייל אלץ וואס די יודען האבען געבויט אין מצרים האט נישט געהאט קיין קיום, און ערשט'נס קומט דאס אונז אויסלערנען אז ווען זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, זענען זיי אוועק געפארען און האבען זיך דערווייטערט פון די וועלט, און פון די פאלטשע קוק אז די וועלט האט א חשיבות פאר זיך - ווייל ראשון ראשון מתרוסס, און אפילו דאס וואס האט יא א קיום אויף הונדערט אדער טויזענט יאהר, האט דאס נישט קיין אייגענע חשיבות, ווייל דער וועלט האט נישט קיין קיום און האט נישט קיין אייביגקייט - נאר בטולם זהו קיומם. און שפעטער קומט דער פסוק און רעכנט אויס די סדר פון די מסעות, און מען הייבט אן מיט'ן ערשטען מסע 'ויסעו מרעמסס ויחנו בסוכות'.

**און** דאס איז די טעות פון 'בצרה תקלוט כבצר', לויט'ן יסוד וואס דער **חידושי הרי"מ זי"ע** האט געזאגט אז דער אונטערשידט צווישען בצר און בצרה - איז דער ה"י (עי' שפ"א תרל"א ותרל"ד ועוד), און מ'קען טייטשען אז 'בצר' איז א לשון פון א פעלער - חסרון ומניעה, און וויא די לשון הפסוק (נח יא, ו) 'ועתה לא יבצר מהם', דער יצר הרע פארגרייזט אז אויך 'בצרה' תקלוט כבצר, אז מ'קען איינגעזינקען ווערען אין די עניני עולם הזה וואס איז מרומז אינעם אות ה"י (מנחות כט:), אבער די עבודת האדם איז אז ס'זאל זיין 'בצר' אן די ה"י, זיך אפשיידען און זיך צוריק האלטען פון די ה"י פונעם עולם הזה.

**דער** צווייטע טעות וואס ער פארגרייזט אונז איז **'מזיד כשוגג במקלט יעצר'**, דער יצר הרע רעדט איין דער מענטש מיט דעם וואס ער איבערצייגט איהם אז ער האט נישט די כוחות זיך מתגבר צו זיין, און דעריבער איז ער א אונס. אבער דער אמת איז אז דו קענסט יא! דו האסט יא כח ביי צושטיין די נסיונות פונעם יצר הרע, דו ביסט נישט א שוגג און דו ביסט נישט קיין אונס, און אלע תירוצים זענען נישט קיין אמת'דיגע תירוצים. און אזוי וויא ס'ווערט פארציילט אויף **הרה"ק הרבי ר' זושא זי"ע**, אז אמאהל איז ער געגאנגען אין וועג, און ס'איז איהם אקעגען געקומען

א גוי און ער האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם צוהעלפען אוועק שטעלען די וואגען מיט'ן היי וואס איז אראפ געפאלען, האט איהם רבי ר' זושא געזאגט אז ער קען נישט, האט איהם די גוי געענטפערט: דו קענסט יא, נאר דו ווילסט נישט! און דער רבי ר' זושא זיך געלערנט פון דעם די לימוד וואס איז נוגע לעבודת ה' (עי' פרי צדיק פסח אות ל ועוד). ווייל אלע ענינים וואס געשעהען פאר'ן מענטש אויף די וועלט, זענען פאר איהם רמזים וואס ער זאל זיך אפלערנען דערפון פאר עבודת ה', ווייל 'כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך' - פון אלע עניני ארציות קען דער מענטש דיר קויפען - לקנות אותך ית"ש, און אין יעדער זאך איז קענטיג כבודך (עי' אמת ואמונה הוצ' ירושלים תשל"ב עמ' נב), נאר מען דארף דערויף א אויער וואס הערט - אוזן קשבת.

**און** דער דריטען טעות איז **'ומלאך כאדם בתוכה ינצר'**, דער יצר הרע פארגרייזט דער מענטש צו טראכטען, איך האב דאך א פליישיגע גוף און פליישיגע אויגען, און איך טוה מיט דעם וואס מ'טוט - גשמיות'דיגע מעשים, און איך האב נישט דער מעגליכקייט זיך צו דערהייבען. אבער דער אמת איז אז יעדער איינער דארף אריין קלערען און וויסען אז דער אייבערשטער האט דאך דיר געגעבען א נשמה א חלק אלוק ממעל, א זעהל מיט א פארשטאנד און א גייסט, און דו האסט דריי זאכען וואס דערמיט ביסטו גלייך צו די מלאכי השרת (חגיגה טז.), און וויא אזוי לייקענט אפ דער מענטש זיינע זינד און ער געבט איהר נאך רעכט - 'אכלה ומחתה פיה ואמרה לא פעלתי און' (משלי ל, כ), נאכדכם וואס ער זינדיגדט באהאלט ער די עבירה און ער שפירט נישט די זינד, יעדער עבירה מאכט דאך א איינדרוק און א פגם אינעם זעהל, ומה לי קטלא כולה מה לי קטלא פלגא - אפילו מיט בלויז איין זינד איז דער מענטש פוגם זיין נפש.

**אין** **'טעמי מסורת המקרא'** פון רבי יהודה החסיד שטייט, אז ס'איז פארהאנען פיהר סדרות וואס הייבען זיך אן מיט 'אלה', **'אלה תולדות נח'**, **'אלה פקודי המשכן'**, **'אלה מסעי'**, **'אלה הדברים'**,

און ער געבט דאס צו פארשטיין לדרכו לויט די גימטריא פון פיהר מאהל **אלה**, עי"ש (ועי' פענח רזא ר"פ דברים ועי' מגלה עמוקות ר"פ דברים). און מ'קען זאגען אן אנדערע טעם דערויף. חז"ל זאגען '**אלה**' פסל את הראשונים [און דער אור החיים הק' אין אונזער פרשה שטעלט זיך שוין דערויף וואס האט מען געפסל'ט ביי אלה מסעי, ועי' חזקוני]. פרשת דברים וואס איז משנה תורה, איז פארהאן א באזונדער'ן טעם פאר זיך פארוואס ס'שטייט ביי איר 'אלה', אבער ביי די דריי פרשיות אין די פיהר חומשים, קען מען זאגען אז זיי זענען מרמז אויף די דריי טעויות וואס דער יצר הרע פארגרייזט דער מענטש.

'**אלה** תולדות נח' איז אנטקעגען די טעות פון '**בצרה תקלוט כבצר**', ווייל דערנאך וואס זיי האבען פארדארבען זייער וועג און זענען געווען איינגעזינקען מיט פארדארבנקייט, איז געקומען דער מבול און זיי האבען געזעהן די אפסיות פונעם וועלט, וויא אזוי אלעס גייט צום גרינד און ווערט בטל, און ס'איז געווען קענטיג פאר'ן אויג אז אין אמת'ן אריין האט דער וועלט נישט קיין קיום. און דערפאר שטייט '**אלה**', צו פסל'ן דעם וועג פון פארדארבנקייט, און די וואס האלטען און זענען מחשיב דער וועלט אלץ א עיקר - וואס שטייט און האט א קיום פאר זיך אליינט, נאר מ'דארף זעהן צו בויען א נייע וועלט - מ'זאל וויסען אז דער וועלט איז נישט מער וויא א טפל.

'**אלה** פקודי המשכן' איז אנטקעגען '**מלאך כאדם**', ווייל ווען נישט וואס די יודען וואלטען געזינדיגט, וואלטען זיי געווען אין א מדרגה פון מלאכי השרת, אזוי וויא ס'שטייט (תהלים פב, ו) 'אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם', נאר נאכדעם וואס זיי האבען געזינדיגט, האט שוין דער בית מקדש נישט געקענט זיין בתוך כל אחד ואחד פון די יודישע קינדער, און ס'האט געפסל'ט דער ערשטע מדרגה, און זיי האבען געדארפט בויען א משכן לה' (עי' שפ"א כי תשא תרמ"ג), און אויך די משכן איז עתיד להתמשכן בעוונותיהם של ישראל (עי' רש"י ר"פ פקודי). און אינדעם דארף דער מענטש זיך מתבונן זיין, אז יעדער איינער האט די כח פון מלאכי השרת, האסט דאך געקענט זיין

אזוי הויך, האסט דאך געקענט זיין אזוי הייליג.

**'אלה מסעי'** איז אנטקעגען די טעות פון **'מזיד כשוגג'**, ווייל די מסעות זענען די וועגען וואס די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, און דער ערשטע טריט פון גאולת מצרים איז געוועז ווען מען האט געראטוועט משה רבינו ע"ה פונעם טייך, און דארט שטייט אין פסוק (שמות ב, ה) 'וַתִּשְׁלַח את אֲמָתָהּ וַתִּקָּחֶהָ', און רש"י ברענגט פון חז"ל (סוטה יב:) 'את אמתה - את ידה, שנשתרבבה אמתה אמות הרבה', און ס'שטייט פון **רבוה"ק זי"ע** אז פונדעסטוועגען האט זי זיך נישט צוריק געהאלטען פון אויסשטרעקען די האנט, ווייל אויך ווען א מענטש טראכט אז ער קען נישט, איז אין אמת'ן אריין קען ער יא נאר ער וויל נישט - דו קענסט יא! אז מ'טוהט קומט מען אהן און מען דערגרייכט. און אזוי אויך שטייט ביי קריעת ים סוף (בשלח יד, לא) 'וירא ישראל את היד', און אין פיוט פון 'ובכן ויושע' זאגט מען 'נוֹשָׁעִים מִבֵּין קִצְרֵי יָד, תַּתָּה לָמוֹ שֵׁם וָיָד, וירא ישראל את היד', דאס הייסט, אז דאס וואס זיי האבען געמיינט ווען זיי זענען געווען אין מצרים אז זיי קענען נישט און זיי זענען נישט מסוגל זיך צו דערהייבען, יעצט זענען זיי געוואר געווארען אז דער אייבערשטער האט זיי געגעבען א נאמען און א שטארקייט - 'שם ויד', 'וירא ישראל את היד' - זיי האבען אנערקענט און אנטפלעקט אז זיי האבען די מעגליכקייט און דער כח אין זייער הענט (ועי' עבד"ד פסח עמ' קכט). און דעריבער שטייט **'אלה'** - וואס דאס פסל'ט דאס וואס זיי זענען געווען אין מצרים בקוצר יד און אין א שעבוד, ווייל ס'ליגט א אויפגאבע אויפ'ן מענטש צו וויסען אז ער איז נישט קיין שוגג און ער איז נישט קיין אונס, נאר ער האט דער כח און דער מעגליכקייט מלחמה צו האלטען מיט'ן יצר הרע און זיך מתגבר זיין אויף איהם.

**און** אז מ'געדענקט די דריי זאכען, קען מען דינען דער אייבערשטער אזוי וויא עס דארף צו זיין, און זוכה זיין צו די אור פון די גאולה.